שנה ד'
נומער 181
**פרשת מטו"מ**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בנעל

# חזק חזק ונתחזק



**געדאנקען:**
נעקסטע יאר גיי איך
אין קאסאבלאנקא



**מיט א טיפערן בליק:**
איי איי די קאנטרי



**די אידישע שטוב:**
ווער וועט זיך
אננעמען פאר מיר?

## סיום ספר במדבר

אז מען גייט מיט'ן שלחן ערוך, מען הייבט אן מעביר סדרה זיין פון זונטאג, דעמאלט איז מען זוכה צו ענדיגן יעדע וואך די פרשה שנים מקרא ואחד תרגום. דאס איז די בעסטע סגולה צו א גוט לעבן, און דאס ראטעוועט א מענטש פון אלעם שלעכטס. (עצתו אמונה תולדות תשפ"א)



## בילדער ווינקל:

דער ראש ישיבה ביים ארויס שפאצירן פון גן עדן התחתון אין קרית ברסלב ליבערטי - ערב שבת פנחס.


שטעטל נייעס
PERRELES קליידער געשעפט אין שטעטל
3


היכל הקודש נייעס
מסיבת נשי חיל
4


געדאנקען
נעקסטע יאר גיי איך אין קאסאבלאנקא
6


מיט א טיפערן בליק
איי איי די קאנטרי
14


די אידישע שטוב
ווער וועט זיך אננעמען פאר מיר?
17


בילדער אפטיילונג
בילדער פון מחנה היכל הקודש קעמפ און קאנטרי
28



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייגצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty

מטות מסעי י"ט תמוז תשפ"ג

הדלקת הנרות.........08:14
מוצאי שבת............09:44

מנחה מעריב דברים ... 09:30

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם פרידריך הי"ו**
**וזוגתו הענטשא תחי'**

**צו די בר מצוה פון ישראל נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מעכל ראזענפעלד הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**

**צו די אפשערן פון זייער זון למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 14 | 77°/62° | Scattered Thunderstorms |
| Sat 15 | 81°/64° | Scattered Thunderstorms |
| Sun 16 | 80°/63° | Scattered Thunderstorms |
| Mon 17 | 80°/62° | PM Thunderstorms |
| Tue 18 | 80°/59° | Scattered Thunderstorms |
| Wed 19 | 78°/60° | Mostly Sunny |
| Thu 20 | 79°/61° | Partly Cloudy |
| Fri 21 | 79°/61° | Isolated Thunderstorms |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א

# שטעטל נייעס

## PERRELLES קליידער געשעפט אין שטעטל



דער הערליכער קליידער געשעפט אין שטעטל גייט אן מיט'ן פולן שוואונג, מיט א פולע אויסוואל פון קליידער פאר קליין און גרויס.

געלויבט דער אייבערשטער, וואלאנטירן ארבעטן זייער געטריי עטליכע מאל א וואך, צו מסדר זיין די פילע קליידער, וואס מענטשן זענען מנדב פארן געשעפט. צום ערשט קוקט מען אדורך יעדע זאך, עס זאל זיין אין א גוטע צושטאנד, שיין און רייך. דערנאך זענען דא וואלאנטירן וואס הענגען אויף די קליידער און צוטיילן יעדע זאך לויט די קאטאגאריע, אז די איינקויפער זאלן קענען גרינג טרעפן וואס זיי זוכן.

נאכדעם איז דא וואלאנטירן וואס האלטן אין איין מסדר זיין און ארויסנעמען די קליידער וואס ליגן שוין א לענגערע צייט, כדי די איינקויפער זאלן טרעפן נייע זאכן יעדע מאל, עס זאל זיין ציענד און שיין צו קומען נאכאמאל.

יעדע מאל ווען עס קומט פַאר א נייע סעזאן קומט פָאר א גרויסע טויש. מ'ארבעט פלייסיג אוועקצולייגן אלעס פון די פריערדיגע סעזאן, און מ'לייגט ארויס אסאך קליידער פאר די נייעס סעזאן מיט'ן מטרה אז אלע משפחות זאלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף קענען איינקויפן די שענסטע קליידער פאר גאר ביליגע פרייזן.

אויף יעדע RACK שטייט א פרייז, און אינטער דעם א ספעציעלע מעמבער פרייז - ספעציעל ביליגער פאר אלע משפחות פון קהילת היכל הקודש.

יעדע פרייז איז געשריבן אויף א אנדערע קאליר קארטל כדי צו פארגרינגערן ווען עס קומט צו באצאלן זאל מען וויסן די פרייז פון יעדע זאך.

עס איז וויכטיג צו וויסן אז ווען מען לייגט אראפ בעגס און באקסעס זאל אלעס זיין גוט פארמאכט פון אלע זייטן, גוט צוגעקניפט אדער צוגעטעיפט מיט פלעסטיק טעיפ, כדי די שיינע קליידער זאלן נישט ווערן שמוציג און אומנוצבאר נאך פאר מ'האט א געלעגענהייט צו אויספאקן. אזוי אויך ווען מען קומט איינקויפן זאל מען נישט אריינגיין צו די צומערן ווי די וואלאנטירן ארבעטן און עפענען בעגס וואס מענטשן האבן געשיקט.

ביי דעם געלעגענהייט טוען מיר אויסדריקן אונזער געוואלדיגע הכרת הטוב וואס מיר האבן צום ראש ישיבה שליט"א וואס שפארט נישט קיין כח און געלט, אלעס כדי די משפחות וואס ווילן איינקויפן פאר ביליג זאלן עס האבן אויף א גאלדענעם טאץ מיט אלע באקוועמליכקייטן.

אויך איז דא פאסיג צו ארויסברענגן א יישר כח פאר משפחת היילפרין וואס גיבן זיך אוועק אלעס נאר כדי צו העלפן דעם רבי'ן און ארויסברענגן דעם ראש ישיבה'ס וואונטש אין אן אמת'ן פאקט.

אזוי אויך איז דא די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר אלע חשובע פרויען וואלאנטירן וואס קומען העלפן מסדר זיין די קליידער אזוי שיין יעדן איינציגן וואך, זאל זיי דער אייבעשטער באצאלן מיט אלעס גוטס זייער גאנץ לעבן.

צום לעצט ווילן מיר מודיע זיין אז אין די טעג ביז ראש חודש אב קומט פאר א גרויסע סעיל, מען קען אנפילן א בעג פון קליידער פאר די סכום פון $10 א בעג.

**קומט און כאפט מציאות ווילאנג עס איז דא.**

## מסיבת נשי חיל



א ערליכע מסיבת הכרת הטוב איז פארגעקומען פאראגנגענעם דינסטאג פנחס, פאר די חשובע פרויען וואס האבן אריינגעברענגט גרעסערע סכומים ביים קאמפיין פאריאר זומער.

די חשובע פרויען פון לעידיס אקזילערי וואס דער ראש ישיבה האט געשטעלט, זענען זיך צאמגעקומען פאר א זיצונג אדורכצשמועסן וועלכע וועג עס וועט זיין די בעסטע צו ארויסווייזן די הכרת הטוב פאר אלע חשובע פרויען וואס האבן ארויסגעהאלפן פאריאר ביים יערליכן קאמפיין.

אסאך געדאנקען איז געליגן אויפן טיש, מען האט געטראכט פון ארויסגיין צו א גרויסע שאפינג מאאל, כדי צו געבן א געלעגענהייט אנצוקומען צו די סטארס וואס מען וויל שוין אנקומען א לאנגע צייט, אזוי אויך איז געווען נאך גוטע געדאנקען אויפן טיש, צום סוף איז מען געקומען צו די החלטה פון אהערשטעלן א ערליכע רייכע אווענט, באגלייט מיט א שיינע רייכע פראגראם.

די אווענט איז פארגעקומען אין שטוב פון מרת אפפעל תחי' וואס גיבט זיך אוועק א גאנץ יאר צו העלפן מיט וואס מען קען, אויך יעצט האט זי אהערגעשטעלט איר שטוב פאר די מסיבה. מען האט ארויסגעשטעלט א רייכע מעניו, אלעס צוגעשטעלט אויף א געשמאקע היימישע אופן.

די מסיבה איז געווארן אנגעפירט דורך די חשובע פרויען פון די לעידיס אקזילערי, יעדער באזונדער האט זיך אויפגעשטעלט רעדן ארויסברענגענדיג די ציל פארוואס מען קומט זיך דא צאם, און וואספארא זכי' מיר האבן אז מען קען אינאיינעם העלפן אזא הייליגע פלאץ וואס ברענגט אריין די לויטערע אמונה אין די גאנצע וועלט. א פלאץ ווי מען איז מחנך די קינדער אויף א וועג אז זיי זאלן וויסן און געדענקן זייער גאנצע לעבן אז עס איז נאר דא איין אדרעסס צו וועם מען קען זיך ווענדן ווען מען דארף עפעס, דאס איז ביים הייליגן באשעפער.

אלע חשובע פרויען זענען ארויס פונעם מסיבה מיט פרישע כוחות, גרייט צו העלפן נאכאמאל ביים היי יעריגן קאמפיין. און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט עס זיכער ווערן געקרוינט מיט א געוואלדיגע סוקסעס.

## סיום 101 משניות פון א אינגערמאן אין שטעטל



א אייגנארטיגע סיום איז פארגעקומען אין שטעטל פאראגנגענעם מיטוואך חקת-בלק, פון א אינגערמאן נחמן נתן בוים הי"ו, וואס האט געענדיגט ששה סדרי משנה הונדערט און איין מאל למזל טוב.

א צייט צוריק האט ר' נחמן נתן געזאגט פארן ראש ישיבה אז ער האט געמאכט א סיום משניות די זעקס און נייציגסטע מאל, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט אז ער וויל קומען ביים סיום פון 101 משניות.

יעצט איז אנגעקומען די פרייליכע מינוט, ווען ער האט זוכה געווען צו מסיים זיין 101 מאל משניות, מען האט אנגעגרייט א שיינע סיום אין שטוב, און אריבער גערופן אלע חשובע בני משפחה, בראש פונעם חשובן זיידן מו"ה דניאל בוים הי"ו, וואס איז אויך זיך געקומען באטייליגן ביי אזא פרייליכע סיום פון אזא חשובע איניקל.

קודם האט אויסגעזען ווי דער ראש ישיבה וועט נישט אנקומען צום סיום, צוליב די טעגליכע שיעור פאר די בחורים וואס ווערט געגעבן פונקט די זעלבע צייט.

למעשה האט דער ראש ישיבה געמאכט א סורפרייז און יא געקומען צום סיום. דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט ביים סיום: מענטשן קומען אלץ אין שטעטל און פרעגן "וואו איז די שטעטל"? ענק ווילן וויסן וואו די שטעטל איז? דא איז די שטעטל, די שטעטל איז ביי א שטוב ווי א אינגערמאן זיצט און לערנט די הייליגע תורה טאג איין טאג אויס, און מען רעדט דא נישט פון א כולל אינגערמאן, דא רעדט מען פון א אינגערמאן וואס ארבעט יעדן טאג שווער פון 9 ביז 5, דאך כאפט ער אראפ צייט יעדן טאג צו לערנען, דאס איז די שטעטל!

שפעטער האט דער ראש ישיבה דערציילט פאר אנשי שלומינו פונעם שיינעם סיום וואס ער האט מיטגעהאלטן און צוגעלייגט אז אויב א אינגערמאן וויל אז ער גייט שוין נישט ארום גיין קלאפן א מזוזה ביי נייע הייזער, נאר אויב דאס וועט זיין באגלייט מיט א סיום.

**אינו דומה מי שלומד מאה פעמים למי שלומד מאה פעמים ואחד**

# היכל הקודש נייעס

לעיקוואוד

## הערליכע נייע שול אין לעיקוואוד



מיר גרויס פרייד נעמען אויף אנשי שלומינו אין עיר התורה לעיקוואוד די גוטע בשורה אז מען האט נארוואס אפגעדינגען אן אייגענעם פלאץ אין שטאט וואו מען וועט בעזרת השם אהער שטעלן א געשמאקע בית המדרש וואס וועט דינען אלע געברויכן פאר די שיינע קהילה היכל הקודש אין לעיקוואוד.

דאס קומט נאכדעם וואס מען האט ביז יעצט גענוצט א קליינע פלאץ וואס מען האט ניטאמאל געקענט נוצן שבת. און נאך אסאך תפילות האבן די גבאים ברוך השם יעצט געטראפן א מקום רחבת ימים, אויף 234 איסט פיפט סטריט, דער פלאץ איז גוט און געשמאק צוגעשטעלט מיט טישן און בענק און אלע צוגעהערן.

דער בית המדרש ווערט אנגעפירט דורך די צוויי געטרייע גבאים מו"ה שמעון ראבינאוויטש הי"ו, און מו"ה עמרם רייכמאן הי"ו.

אזוי אויך גייען אן אין לעיקוואוד פילע פעולות פון הפצה, יעדע וואך איז דא א פרוייען צוזאמקום אין שטוב פון מו"ה יצחק רוטנער הי"ו, דאס קומט פאר געווענטליך מאנטאג אדער דינסטאג.

אזוי אויך ווערט געפירט דורך מו"ה ישראל חיים זילבער הי"ו א גרויסע הפצה אפאראט, וועלכע מאכט זיכער אז יעדער וואך זאלן אנקומען און פארשפרייט ווערן אין שטאט אלע גליונות און קונטרסים.

אנשי שלומינו דרוקן אויס א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר מו"ה בנימין פאלמאן הי"ו וואס האט אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות צושטאנד צו ברענגען דעם נייעם בית המדרש. אזוי אויך קומט זיך אנערקענונג פאר די פילע אנ"ש וואס יעדער האט גענומען אויף זיך א חלק צו צאלן די חודש'ליכע רענט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט אז אזוי ווי מען האט שוין ברוך השם אן אייגענע ווינקל האפט ער צו קומען מער אפט באזוכן, וואס דאס וועט זיכער מחזק זיין די שטאט בכלל און אנשי שלומינו בפרט.

בארא פארק

## לעידיס אקזילערי היכל הקודש בארא פארק העלפן ארויס קימפעטארינס



פון היכל הקודש אין בארא פארק הערט מען אז די חשובע פרוייען האבן זיך צוזאם גענומען און אנגעהויבן א פרישע חסד פראיעקט, פון צושטעלן היימישע נארהאפטיגע נאכטמאלס פאר משפחות פון קימפעטארינס פון די קהילה.

דער פראיעקט ווערט אנגעפירט דורך די חשובע מרת גאנצפריעד תחי' אשת מו"ה שמעון הי"ו, און מיט איר האבן זיך אנגעשלאסן די פרוייען פון אנשי שלומינו וואס געבן זיך אוועק צו צושטעלן די געשמאקע פרישע מאלצייטן פאר די משפחות אין צייט פון א שמחה. אזוי אויך האבן עטליכע אינגעלייט פון אנשי שלומינו זיך אנגעטראגן צו דעליווערן די פארטיגע מאכלים.

פרוייען פון בארא פארק וואס ווילן זיך אנשליסן אין די חסד פראיעקט קענען זיך ווענדן צו מרת גאנצפריעד תחי', וועלכע וועט בעזרת השם ארויסהעלפן מיט וואס מען דארף.



# נעקסטע יאר גיי איך אין קאסאבלאנקא

משה אורי' שניצלער

איך מוז האבן א וואקאציע "שוין"!

איך קען נישט מער.

איך לייג מיך צאם.

מיין בעטערי לויפט אויס!

אבער וואו גיי איך?

קודם כל לאמיר זען וואו גיי איך "נישט"!

קיין דובי נישט, ווייל ס'איז א אנלויפעניש, צו סאך מענטשן.

וואס הייסט צו סאך מענטשן?

ס'הייסט אזוי, א מענטש קען בוק'ן א טייערע פוירסט קלעס פלייט, פייוו סטאר האטעל, כ'קען שלאפן ביז שמויגער אזייגער און א שמיטשיק אריבער. די רעסטאראנט האט אלע מיני געשמאקע עסן, דער אייבערשטער געט מיר יעדן יאר צוויי דריי מיליאן דאלער רענט פון מיינע בילדינגס אין די בראנקס, איך קען עפארדן די טייערסטע וואקאציע, שלאפן, זיצן, שפאצירן, שפילן גאלף, שפילן טעניס, רילעקסן, ליינען א ביכל, הערן די נייעס, און וואס נישט......

אבער איך קען עס נאר טון וואו ס'איז נישט דא קיין אנלויפעניש...... אויב אין די נעקסטע האטעל איז דא נאך טויזנט אידן פון מיין היים שטאט, קען איך נישט גוט שלאפן / עסן / רילעקסן / ליינען א ביכל......

וואס פשט?

וואס מיינט וואקאציע? וואקאציע פון וואס?

א צדיק וואס לעבט מיט אמונה, רעדט צום אייבערשטן, איז איבערגעגעבן צום אייבערשטן ווי א קליין קינד פון א חודש אלט, פארקנעכטעט צום אייבערשטן, בטל צום אייבערשטן, וואס איז שייך וואקאציע? גיין פון וואו צו וואו? פון וואס צו וואס?

"דא" איז די בעסטע פלאץ אין די וועלט ווייל דער אייבערשטער איז דא, ער וואטשט אויף מיר, ער נעמט מיך ארום עס זאל נישט פאסירן צו מיר קיין שום שלעכטס.

"יעצט" איז די בעסטע צייט זינט די וועלט-באשאף, ווייל דער אייבערשטער איז "יעצט" מיט מיר.

כ'האב אמאל געהערט אז ס'שטייט אין ספרים אז די מ"ב מסעות איז א רמז אויף די לאנגע וועג וואס א מענטש גייט דורך אין לעבן.

לאמיר זען ווי אזוי זעט אויס די לעבן פון א צדיק? וואו פירט אים זיין וועג? און וואס זענען זיינע אויפטוען פאר'ן אייבערשטן אין זיין וועג?

למשל, רבינו הקדוש מ'סאטמאר, זכותו יגן עלינו, סיגעט, סאטמאר, ארשיווע, סאטמאר, קראלי, ארץ ישראל, סאטמאר, קלויזנבורג, בערגן בעלזן, שווייץ, ארץ ישראל,

וויליאמסבורג, סאמערוויל, וויליאמסבורג, בעל הארבאר, קרית יואל.

(איך שרייב נישט יעדע נסיעה, נאר וואו דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן א שטיק צייט - איך שרייב עס בערך, ארויס צו ברענגען די נקודה, אז יעדער מענטש האט א וועג און דארף זיך לאזן פירן פון דעם אויבערשטן)

האט עס אויסגעמאכט פאר'ן רבי'ן וואו ער איז?

איז דער פלאץ קובע דעם מענטש?

א ערליכער איד איז העכער פון פלאץ און העכער פון צייט. דאס מיינט אז איך מוז טון דעם רצון השם סיי צו די פלאץ / צייט / מענטשן געפעלט מיר יא צו נייִן.

איך האב אמאל געהערט אויף א ערליכן איד (איך וועל דיר זאגן דעם נאמען, איך שרייב עס נישט דא אין דעם ארטיקל) אז ער איז קיינמאל נישט געגאנגען מיט א שירעם, ווייל אפשר אויב איך האב נישט קיין שירעם און ס'רעגנט, וועל איך נישט וועלן גיין אין שול צום דאווענען.



איך שרייב נישט לגבי גיין מיט א שירעם, איך שרייב לגבי נישט פאלן אונטער די מצב, א איד מיט אמונה איז העכער די מצב.

ס'קען גאר זיין אז איינער וואס האט נישט קיין אמונה, אדער ווייניג אמונה האט מער ווי מ"ב מסעות, אפשר צוויי טויזנט מסעות, ווייל אויב איך גיי אין מיאמי און איך טרעף דארט איינער וואס האט נישט דא וואס צו זוכן (כאפסט? איך משה מיניסטער באלאנג אין מיאמי, און מיין שכן משה ווערמיינטערעראיז באלאנגט נישט אין מיאמי) בין איך א פארטיגער מיט מיאמי.

נעקסטע יאר גיי איך נישט קיין מיאמי! בשום אופן! קאליפארניע איז מיין וואקאציע דעסטינאציע!

נאו ווע'! וועם זע איך דא! משה בימבאם! די גאנצע קאליפארניע איז עפעס א צודרייטע פלאץ! אין יעדע רעסטאראנט טרעף איך עפעס א ניו יארקע כראזל! וואס טוען זיי דא? ווער האט זיי גערופן? ס'טו געהערט אזאנץ?!

נעקסטע יאר גיי איך אין





קאסאבלאנקא. אדער קאראקוס. אדער קיסימי. אדער קענטאקי.

ס׳גייט מיך נישט אן די האטעל שמאטעל, רעסטאראנט שמעסטאראנט, נאר איין זאך! ברענג מיר נישט אהין מיין גאנצע שטאט!! ווייל איך דארף מיך אויסרוען.....

אויסוואס? כ׳הער נישט!

אויסססססררררועןןןן......

ס׳איז נישט נאר וואקאציע, ס׳איז יעדע זאך, ס׳איז דא מענטשן וואס גייען דורך צוואנציג דזשאבס, פערציג זומער קאנטרי׳ס, זעכציג שולן וואו צו דאווענען שבת, ווייל ער וויל א פלאץ וואו ער קען עכט דאווענען שטייט און געמיטליך, געניטליך און פאמעליך, אויסשליסליך אומבאדינגט קלאר ארויסזאגן יעדעס ווארט.

אין וועלכע שול איז געשמאק צו דאווענען? אין וועלכע שול זאל איך מיך קובע זיין צו דאווענען שבת?

די שאלה איז נישט די שול. אויב דו וועסט האלטן "יעדער איז גוט, און איך בין אויך גוט" וועסטו קענען דאווענען אין סיי וואס פארא שול, אויב דו וועסט נישט האלטן אז יעדער איז גוט, וואס וועט דיר העלפן די שול אדער יענע שול?

אבער ס׳איז נישט מעגליך צו האלטן אז יעדער איז גוט נאר אז מ׳געדענקט כסדר אז "דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט".

און ס׳איז נישט מעגליך צו געדענקען כסדר אז דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט נאר אז מ׳האט א צדיק וואס דערמאנט עס יעדן טאג.

ווער איז דער צדיק? דער וואס דערמאנט מיך אז דער אייבערשטער איז דא, און אז איך קען רעדן צו אים.

לעצטנס האב איך באגעגנט א אינגערמאן וואס האט מיטגעמאכט מ"ב מסעות מיט טעראפיסטן.

זיין ערשטע טעראפיסט איז געווען מיט איין זאך ענליך צו זיין שנה ראשונה חברותא, ביידע פלעגן דרימלען שתין נשימין אויף יעדע שעה אין טאג! ממש א מדרגה א מענטש זאל זיך באגענוגענען מיט בלויז דרייסיג מינוט דרימלען אין א שעה! אוי וואו נעמט מען אזא אויסגעארבעטע מענטשן?!

דער שנה ראשונה חברותא פלעגט האבן זייער א בא׳חן׳טע שפראך, ווען מ׳פלעגט אים פרעגן זיין סדר היום פלעגט ער זאגן אזוי: זעקס אזייגער פונקטליך טאנץ איך ארויס פון בעט, זיבענע זיץ איך ביי די גמרא, אכטע גיי איך אהיים ווייל ס׳איז שוין טונקל אין גאס......

אבער איר הערט גוט! א טעראפיסט פאר פיר הונדערט א שעה און ער האט די חוצפה און עזות צו דרימלען ווען זיין פאציענט רעדט זיך אויס פאר אים! און דער נאר גייט נאך ווייטער צו דעם בלוט-זויגער גוד-פאר-נאטינג!

ביז זיין חבר האט אים קאנווינס'ד צו טוישן טעראפיסט.

זיין צווייטע טעראפיסט האט געטויגט אויף כפרות, ניטאמאל האט ער געהאט א דרייעדיגע פארעדיגע רעדלדיגע בענקל, קען מען אזוי פראקטיצירן עצה-געבעריי?!

זיין דריטע טעראפיסט האט נישט אקצעפטירט קיין העלט אינשורענס, פשוט פאר צופלויגנקייט, זיין טעראפיסט (יא, דעם טעראפיסט'ס טעראפיסט) גייט אים אויסלערנען א "מהלך" ווי אזוי צו זיין אן-טאפ-אוו-טינגס, ביז דעמאלטס פארלירט ער קונדן מחמת נישט נעמען אינשורענס, זיין פרנסה איז זייער בצמצום, זיין פיינענשל קאוטש גייט אט אט האבן א קריסטל קלארע "אפראוטש" ווי אזוי אויסצוגראדן זיינע פינאנצן. ביזדערווייל רופט זיך עס אפ נעגאטיוו אויף זיין שלום בית, דער שלום בית מאכער האט פאר פינף הונדערט טאלער א וואך, געגעבן א עצה אז מ'זאל זיך קודם סעפערעיטן און ווייטער צאלן זיין וועכנטליכע ביל, און וועגן א שלום-בית-עצה וועט מען זען אין עטליכע יאר ארום ווען



דער שלום בית מאכער וועט האלטן ביי "ארבע מאות אלף שקל כסף ביני ובינך מה הוא ואת ביתך קבור".

איך קען אייך דערציילן די גאנצע סיפור מיט די טעראפיסטן וואס ער איז דורך, אבער דאס איז א מעשה אן א סוף.

אבער די אמת איז אז יעדער מענטש מוז האבן טעראפי.

שלמה המלך, דער חכם מכל אדם, זאגט אז א מענטש האט עפעס וואס עס דרוקט אים, מוז ער עס ארויסגעבן.

די גמרא ברענגט צוויי מאן דאומרים, רבי אמי ורבי אסי, איינער זאגט ישחנה לאחרים, איינער זאגט ישחנה מדעתו.

מוהרא"ש איז מסביר די צוויי שיטות אזוי, א מענטש מוז רעדן צום אייבערשטן, און א מענטש מוז האבן א חבר וואס וועט אים דערמאנען אז דער אויבערשטער פירט די וועלט און ער הערט אויס יעדן וואס רעדט צו אים. אן די טעראפי איז נישט קיין מציאות אז א מענטש זאל אנגיין אין לעבן.

ס'איז שווער צו רעדן צום אייבערשטן? לאמיר מאכן פון דעם א תפלה, הייליגער באשעפער העלף איך זאל רעדן צו דיר, העלף איך זאל דיר דערציילן וואס דרוקט מיר, העלף איך זאל וויסן אז נאר דו קענסט מיר העלפן.



# מעשיות פון תפילה

## הרוצה בעילום שמו - קרית יואל:

איך הער שוין יארן די דרשות פונעם ראש ישיבה אויף קול ברסלב, איך בין זיך מחי' מיט דעם דאס איז מיין גאנצע חיות.

איין שיינעם טאג האט פאסירט עפעס גאר שרעקעדיג ביי מיר, איך האב מיר דערזען אז איך האב שוין עפעס מער נישט קיין געדולד צו הערן די שיעורים, עס האט אנגעהויבן ווערן ביי מיר אלט, עס האט מיר אנגעהויבן גיין אויף די נערוון. אבער איך וויל דאך עפעס הערן, האב איך אנגעהויבן צו קאלן יעדן טאג קול... און אנגעהויבן הערן דארט אלע סארט שטותים והבלים, זאכן וואס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, זאכן וואס קענען מיר נישט העלפן, אויב עפעס קען עס מיר מאכן שפירן ליידיג.

אזוי איז אדורך א שטיק צייט, ביז איך האב מיר געגעבן א כאפ אז עפעס שרעקליך האט פאסירט מיט מיר, אבער איך האב מיר נישט געקענט פון דעם ארויסזען, איך בין געווען אין דעם פארזונקען אן זען א וועג ארויס. דער אייבערשטער האט אבער געמאכט מיט מיר א גרויסע נס, איך האב מיר דערמאנט פון די דרשות פונעם ראש ישיבה וואס איך פלעג הערן טאג איין טאג אויס, אז מען קען בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך וואס מען דארף.

גלייך האב איך אנגעהויבן טון צו די זאך, איך האב אויפגעהויבן מיינע הענט צום אייבערשטן און אנגעהויבן בעטן "הייליגער באשעפער וואס איז מיט מיר געשען, פארוואס האב איך פארלוירן מיין גאנצע געשמאק צו הערן די הייליגע דרשות פונעם ראש ישיבה, העלף מיר איך זאל צוריק באקומען די געפיל צו די דיבורים, העלף מיר איך זאל אנהייבן הערן די דרשות אזוי ווי איך הער עס יעצט די ערשטע מאל אין מיין לעבן, און איך כאפ זיך צו צו דעם אזוי ווי א דארשטיגער צו א גלעזל וואסער."

און דאס וואונדערליכע האט טאקע פאסירט, איך האב מיר ברוך השם פארעקלט פון הערן קול... און צוריק אנגעהויבן הערן די הייליגע ליין קול ברסלב, און פלאי' פלאים איך האב אנגעהויבן הערן די דרשות פונעם ראש ישיבה אזוי ווי איך הער עס יעצט די ערשטע מאל אין מיין לעבן, איך האב באמת אנגעהויבן הערן עצות אין לעבן וואס איך קיינמאל נישט געהערט פאר דעם, עס האט זיך געהערט ניי און פריש.

הייליגער באשעפער העלף עס זאל בלייבן פריש א גאנץ לעבן.

## נחמן שמואל יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

איך בין געגאנגען אין מקוה ערב שבת, איך האב אריינגעלייגט מיינע שליסלעך אין די מקוה בעג.

נאך שבת ווען איך האב געוואלט ניצן מיינע שליסלעך, האב איך עס נישט געטראפן. איך האב אנגעהויבן זיכן און זיכן, איך האב מיר פראבירט צו דערמאנען וואו איך האב עס געקענט לייגן, אפשר האב איך עס נישט געלייגט אין די מקוה בעג, אבער מען האט עס נישט געטראפן.

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן ווי אמשנעלסטן, אויך מיינע קינדער האבן ארויסגעהאלפן מיט די זוך אקציע דורך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל עס טרעפן, און שכח אייבערשטער נאכן בעטן אפאר מינוט האט מען עס געטראפן ליגן ערגעץ.

## מנשה איצקאוויטש - בארא פארק:

מיין בעקאפ קעמערא פון די קאר האט עפעס זיך ארויסגעריקט פונעם פלאץ איך האב עס נישט געקענט צורישטעלן אין פלאץ, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק אריינגיין אין פלאץ, נאכן בעטן דעם אייבערשטן האט עס ברוך השם געארבעט.

שכח אייבערשטער

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן וֶועט דִיר נִישְׁט שָׁאטְן קַיין עַיִן הָרָע; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כ.): **"עַיִן שֶׁלֹּא רָצְתָה לָזוּן מִמַּה שֶּׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ - אֵין עַיִן הָרָע שׁוֹלֶטֶת בּוֹ"**, יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זִיךְ גֶעהִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר, דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה אַז פַאר אִים אוּן זַיינֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים שַׁאדְט נִישְׁט קַיין עַיִן הָרָע; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער תַּלְמִיד, פַארְמַאךְ אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת; וֶועם נַארְסְטוּ?! וֶועם פָאפְּסְטוּ?! דוּ נַארְסְט דָאךְ זִיךְ אַלֵיינְס. דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ נַארְסְט דַיין וַוייבּ וְכוּ'; דוּ אַלֵיינְס וֶוערְסְט דָאךְ פַארְשְׁוַוארְצְט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט שְׁוֶוערִיקֵייטְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן? דוּ קֶענְסְט דָאךְ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

פָאלְג מִיר, **הֶער אוֹיס דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר גֶעטוּן נָאר טוֹבוֹת אִין לֶעבְּן אָן קַיין שׁוּם בַּאצָאלִינְג**; אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן פַאר דִיר אַזוֹיפִיל בִּזְיוֹנוֹת, דִי יְשִׁיבָה הַאלְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערִיקֵייטְן; אִיךְ טוּ דָאס נָאר דִיר צוּ הֶעלְפְן. בֶּעט אִיךְ דִיר, פַארְמַאךְ דַיינֶע אַקַאוּנְטְס וואוּ דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת; יֶעדֶע קוּק אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי בְּרֶענְגְט פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר עֶס זָאל שׁוֹין אַרַיין גֵיין אִין דִיר אַ פְרִישֶׁע חַיוּת, אַ הֵיילִיגְקֵייט אַז דוּ זָאלְסְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם (דְּבָרִים יג, ו): **"וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ"**; זָאלְסְט אַלֵיינְס אַוֶועק וַוארְפְן דִי אַלֶע כֵּלִים וָואס מֶען קֶען אוֹיף דֶעם זֶען עֲבֵירוֹת.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין מֹחַ פוּן דֶעם עָבַר וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין צוּזַאמְגֶעזֶען אִין לֶעבְּן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא, בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי; מִיר הָאבְּן הַיינְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶּכֶת חַלָּה פוּן תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי מָארְגְן הֵייבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת עָרְלָה, וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְעוֹדֵד אוּן מְחַזֵּק מִיר זָאלְן אַרַיין כַאפְּן תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. וַוייל נָאר דָאס וֶועט פוּן אוּנְז אִיבֶּער בְּלַייבְּן.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם הַדִּין - רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דַן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט: **"וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם"** - אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען בַּיים קִיבּוּץ הַקָּדוֹשׁ אִין אוּמַאן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ
## חֵלֶק א'

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וִויאַזוֹי מֶען קֶען נֶענְטֶער בְּרֶענְגְן מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** אַז דוּ ווִילְסְט טוּן עֶפֶּעס פַאר בִּיאַת מָשִׁיחַ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): **"אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת"**, מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (חוֹדֶשׁ תַּמּוּז אָב - מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמּוּז אָב, מַאֲמָר ב): **"סַךְ כָּל הַשָּׁעוֹת מִן הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח"**, דִי שָׁעוֹת פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז סַךְ הַכֹּל פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג, **"עַל כֵּן יֵשׁ בַּמִּשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים מִנְיַן מַפְתֵּ"חַ"**, דֶערְפַאר אִיז דָא אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג פְּרָקִים, **"כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְּאֻלָּה"**, וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל מִיר זָאלְן דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): **"אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת הַמִּשְׁנָיוֹת"**, מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, **"וּכְשֶׁמְּדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִּינוּ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם"**, אוּן וֶוען מֶען חַזֶר'ט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט גֶעעֶפֶנְט דִי פַארְמַאכְטְקֵייט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ ח, י): **"'גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לָשׁוֹן מַתְנִיתִין"**, 'יִתְנוּ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁנַיוֹת, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִין גָלוּת, **"עַתָּה אֲקַבְּצֵם"**, וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזְן.

זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

# א מעשה
## פון א צדיק



## צוגעבינדן צו אַ צַדִיק!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֶם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעפְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה הָאבְּן אִים אַייְנְגֶערֶעדְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ, עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶע'דִמְיוֹנְ'ט אַז עֶר פָּארְט מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן.

אִינְמִיטְן וֶועג צוּם יְרִיד רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: "אִיךְ ווִיל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי'ן, הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאבְּן אִים זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס - וָואס זֶענֶען בְּאֱמֶת גֶעוֶוען מַלְאָכִים - אָפְּגֶערֶעדְט דֶערְפוּן, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "מֶען וֶועט נָאךְ גֵיין שְׁפֶּעטֶער".

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט גֵייט עֶר זֵיי שׁוֹין נִישְׁט פָּאלְגְן נָאר עֶר גֵייט גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן.

וִויפִיל זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט נִישְׁט פַאר דִי גֶעשֶׁעפְטְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס גֵייט מִיךְ גָארְנִישְׁט אָן, זָאל אִיךְ פַארְלִירְן מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִיךְ פָּאר צוּ מַיין רֶבִּי'ן!" עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁלָאגְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיר זֶענְט מַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן אִיר דַארְפְט מִיר פָּאלְגְן".

הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט אַ מֵת, אַ נִפְטָר - אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ גֵיין, דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ דוּ קוּמְסְט מִיט אוּנְז". הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי'ן!" הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "מַה-דָאךְ פְרִיעֶר וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן מִיר דִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין, יֶעצְט וָואס דוּ וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט טוֹיט אוּן מִיר זֶענֶען מַלְאֲכֵי חַבָּלָה דַארְפְן מִיר דִיר זִיכֶער נִישְׁט פָּאלְגְן".



ציון רבי מנחם מענדל וויטעפסק זי"ע אין טברי'

אַזוֹי אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹלוֹת אַהֶער אוּן אַהִין בִּיז דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט פַאר, הָאט דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז זֵיי מוּזְן אִים לָאזְן גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן, ווִיבַּאלְד עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן.

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק דָא אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ צַדִיק, וֶועט אִים דֶער צַדִיק מְתַקֵן זַיין.

(עצתו אמונה פרשת מטו"מ תשע"ט)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס

# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- מ' -**

**פארזעצונג פון פריער:** אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט און צֶען קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁטָאט דַאשִׁיב. דָארְט הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען ר' יוּדְל זַ"ל, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד מוּבְהָק פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זַ"ל, און עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק ר' לֵייבּ פוּן טְרַאסְטִינִיעֶץ זַ"ל. ר' לֵייבּ פוּן טְרַאסְטִינִיעֶץ זַ"ל אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי חָשׁוּבֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

* * *

דֶער צַדִיק ר' יוּדְל פוּן דַאשִׁיב זַ"ל הָאט גֶעהַאט דָארְט אִין שְׁטָאט דַאשִׁיב אַ חֲבוּרָה פוּן זֵייעֶר חָשׁוּבֶע תַּלְמִידִים עוֹבְדֵי ה', און צְוִוישְׁן זֵיי הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטַארְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק זַ"ל, וָואס אִיז גֶעוֶוען מַמָשׁ אַ פְלַאם פֵייעֶר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְן דַאוֶונֶען מִיט גָאר אַ בְּרֶענֶענְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת. און אַזוֹי אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע פוּן דִי חֲבוּרָה זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיסֶע עוֹבְדֵי ה' און גְרוֹיסֶע מַתְמִידִים אִין תּוֹרָה. און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִינְאֵיינֶעם צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס בְּרֶען.

דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעפִירְט אַז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, ר' בֶּער זַ"ל, וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ דָארְף נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעווּאוֹינְט, הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט און עֶר הָאט גֶעגֶעסְן קֶעסְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִין שְׁטָאט דַאשִׁיב. און אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם און אַן עוֹבֵד ה', הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ דִי הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה פוּן ר' יוּדְל זַ"ל דָארְט אִין שְׁטָאט.



וֶוען סְ'אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט צוּרִיק קֶערְן מִיט זַיין וַוייבּ צוּ זַיין טַאטֶע אִינֶעם דָארְף נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן ר' יוּדְל זַ"ל, און דַאן הָאט ר' יוּדְל זַ"ל אִים זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט און גֶעזָאגְט, "אַזוֹי וִוי דוּ גֵייסְט יֶעצְט צוּרִיק צוּ דַיין טַאטֶע וָואס וואוֹינְט נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, און דָארְט גֶעפִוּנְט זִיךְ אַ נֵייעֶר יוּנְגֶער רֶבִּי, וִויל אִיךְ דִיר זֵייעֶר וָוארֶענֶען, פַאר דַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אַז דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּ אִים און נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט אִים", און אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר אִים זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט און גֶעוָוארְנְט אַז עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְטְרֶעטְן צוּם רֶבִּי'ן. און ר' בֶּער זַ"ל הָאט אִים טַאקֶע צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט פָאלְגְן און נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

אַזוֹי וִוי ר' בֶּער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מְקוּשָׁר צוּ ר' יוּדְל זַ"ל, הָאט עֶר שְׁטַארְק אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ, און וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דָארְף נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז עֶר טַאקֶע בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט, און סְ'אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן, וִוי בַּאקַאנְט פַאר וֶוער סְ'וִויל אָנְהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג. עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע עֲלִיוֹת און יְרִידוֹת, גוּטֶע צַייטְן און שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וָואס דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, און נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה און עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, הָאט דָאס אִים גֶעמַאכְט נָאךְ מֶער מָרָה שְׁחוֹרָה.

סְפֶּעצִיעֶל הָאט עֶר גֶעהַאט גְרוֹיסֶע בִּלְבּוּלִים, וַוייל דֶער וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה' וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין רֶבִּי'ן ר' יוּדְל, אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג, אָן קַיין צִמְצוּמִים, זֵיי פְלֶעגְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס בְּרֶען און מְסִירוּת נֶפֶשׁ, און דָאס אִיז גֶעוֶוען הֶעכֶער זַיינֶע כּוֹחוֹת, און עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן.

ר' בֶּער הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, עֶר הָאט גֶעטוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, אָבֶּער סְ'הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט. קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעדִינְגֶען אַ גוֹי וָואס זָאל אִים קוּמֶען וֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט, דֶער גוֹי אִיז טַאקֶע גֶעקוּמֶען, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען דֶער גוֹי אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אִיז עֶר צוּרִיק אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דֶעם גוֹי צוּ בְּלַייבְּן וַוארְטְן בִּיז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן בֶּעט און זִיךְ אָנְטוּן דִי קְלֵיידֶער, און דֶער גוֹי הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, און אַזוֹי אִיז עֶר טַאקֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דָאס נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶר הָאט כְּסֵדֶר גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע קָאפּ וֵוייטָאג. און אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט פִילֶע יִסוּרִים הַגוּף וְהַנֶפֶשׁ, בִּיז עֶר אִיז שִׁיעוּר אַרָאפּ פוּן זִינֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

מיט א טיפשרון בליק

# איי איי די קאנטרי



ישראל דוד העסקעל

**שיק** ארויף די טשולנט מיט די פאטעיטא קוגל, אויף די טשאלמער קוגל מיט די יאפטשיק וועט נישט שאטן.

א צווייטער רופט זיך אן: מיך שמעקט די אייער קיכל, מיט די הערינג און שמאלץ. אויף די נייע סארט אייער קיכל וואס די מבינים זאגן אז דאס איז די זאך! אז דו שיקסט שוין ארויף, שיק מיט די גאלערטע, געהאקטע לעבער און געדינסטע.

א דריטער גלייכט די קאלד קאטס, גריוועלך, קאול סלאו מיט פיקלס. א פערטער דארף גאר די סענדוויטשעס, מיט א טרינק צו די זייט.

וואו? ווען? וואס? פארוואס?

ניין, נישט אין עפעס א פענסי אויפגעקלערטע בעסערישע סנאבישע מענער פרויען געמישטע ה"י באנגעלאוי קאלאני...

וואו יא? אין לאנדאן עיר הבירה! ס'איז מוצאי שבעה עשר בתמוז די לענגסטע פאסט טאג דער עולם הונגערט, מוצאי תענית איז ערשט 10:17 באשעפער אין הימל וואו נעמט מען די כוחות? אבער צו אונזער גליק איז עס ליל שישי און ס'איז דא צוגעשטעלט א פולע ליל שישי מעניו!

עטליכע פון מיינע חברים זענען געגאנגען קויפן פאר'ן עולם אויף אויסצופאסטן,



יעצט זיצט מען שוין ארום דעם טיש דריי און א האלב מינוט נאך אויספאסט און ס'שפירט שוין ווי דער מאגן גייט קראכן!

קוים כאפט מען זיך דאס אטעם און ס'הייבט זיך אן א פיינע שמועס!

וואס זאגסטו צו די אמעריקאנער קאנטרי לעבנס שטייגער? איז דאס נארמאל? אלעס ווערט אויס פאר גאנצע צוויי חדשים! איך קען עס נישט פארשטיין, אין מיין קאפ גייט עס נישט אריין!

וואס הייסט, רופט זיך איינער אן, דו ווייסט אז קאנטרי איז פון מיינע בעסטע זכרונות! ס'איז די בעסטע זאך, הלוואי וואלט מען עס געקענט איינפירן אויך דא אין לאנדאן. צוויי חדשים וואוינט מען אין א קליינע ב'חנ'טע באנגעלאוי, מ'האקט א לעבן אביסל אוועק פון די געווענליכע לעבנס שטייגער, א געהעריגע ברעיק. מ'גייט שווימען, מ'האט פעסטע



אקטיוועטיס, ס'איז לוסטיג און לעבעדיג. וואס פארשטייען ענק ענגלישע פארנאטישע!

א רגע נאר, ווען פונקטליך ביסטו געווען אין קאנטרי אז דו רעדסט אזוי ברייט? דו וואוינסט דאך שוין דא אין לאנדאן איבער פופצן יאר... וואס קאנטרי ווען קאנטרי?

נא נישט יעצט, איך רעד ווען איך בין אויפגעוואקסן אלס קינד פלעגן מיר יעדעס יאר גיין אין קאנטרי.

שכח, אלס קינד אוודאי' האסטו זיסע זכרונות, דו האסט קיין אין דאגה נישט געהאט, נאר פלעגן געהאקט א לעבן א גאנצן טאג. מיר רעדן נישט פון דעם, מיר רעדן פון אינגעלייט אונזער יארגאנג וואס מאכן מיט יעדעס יאר צען וואכן גיהנום!

וואס הייסט? פרעגט יעדער איינער...

וואס ענק ווייסן נישט? קודם כל פאר מ'הייבט אן דעם זומער רעדט מען פון מינימום א צענער אפגעווישט בלויז פארן באנגעלאוי! און דאס קומט מיט פינף הונדערט ספיידערס בחנם...

און נאכדעם דארף מען איינקויפן אלעעס, וואס אלעעע שכנים האבן איינגעקויפט פאר די באנגעלאוי...

יעצט איבער האט מען שוין אביסל עלטערע קינדער ברויך מען זיי שיקן אין קעמפ, קעמפ רעדסטו פון נאך אפאר אלפים פער קינד! און דאס איז נאר שכר לימוד. חוץ פון דעם דארף מען קויפן אלעס וואס ליגט אויפן קעמפ ליסט, און

נאך געבן טאשן געלט צו קענען קויפן א האלב צולאזטע אייז קריעם פאר דריי מאל די פרייז אין די קענטין, און נאכדעם קומט נאך צו די געלט פאר טריפס און אזוי ווייטער...

בקיצור, נאך פאר מ'האט זיך בכלל ארייגעזעצט אין קאר ארויסצופארן אין קאנטרי' האלט מען שוין ביי א קנאפע צוואנציגער לפחות!

און דו מיינסט אוודאי' אז דער איד קומט יעצט אן קאנטרי' און געבט זיך דארט א צי אויס פאר א גאנץ זומער? חלום אפילו נישט, נישט נאר האט ער נישט קיין וואקאציע, נאר ער ארבעט ווייטער כאילו לא הי', ער פארט אריין זונטאג נאכט צוריק אין שטאט און דארט בלייבט ער ביז ערב שבת!

וואאאאס... סאָו וואס איז די גאנצע פוינט פון דער קאנטרי?

וואס טוען אלע אינגעלייט אין שטאט אליין?

איך ווייס נישט, צו מיך סאונד עס ווי די פערפעקט וועקעישאן, צוויי חדשים אוועק פון די ווייב אינגאנצן פריי אן קיין לחץ, איך קען טון וואס איך וויל, קומען ווען איך וויל, גיין ווען איך וויל, איך האב נישט קיין דאגות מיט קיינעם. איך ווייס נישט וואס דו מאכסט עס אזוי שווארץ.

דו ווייסט וואס - זאגט איינער, איך האב א חבר עטץ קענטס אים, שמואלי, יא, ער זאגט מיר די מצב דארט איז אזוי ביטער, ער טענה'ט אז בעצם קען יעדער ארבעטן

רימאוטלי אויב זיי ווילן, קוק אין קאוויד צייטן האט זיך יעדער אן עצה געגעבן, ער זאגט אז ער למשל וויל בלייבן אין קאנטרי', אבער ער ווייסט אז ער בלייבט איינער אליינס אין א קאלאני' נאר פון פרויען ווייל אלע אנדערע מענער פארן אריין אין שטאט!

ער זאגט מיר אז ער ווייסט פון אסאך קאלאניס וואס ליידער איז נישט דא דארט קיין ברעקל יראת שמים און מענטשן שעמען זיך אפילו נישט, מ'קופקעט מענער און פרויען השם ישמרנו, ממש געפערליך!

וואס? קען נישט זיין אז אלע זענען אזוי' געפערליך... דו רעדסט פון זאכן וואס מסתמא פאסירט כמעט קיינמאל נישט,





א פארדארבענער איז פארדארבן פונקט די זעלבע אין די ווינטער ווי אין דער זומער, און א ערליכער איז אייביג ערליך.

איך קוק עס ארויף, הלוואי זאלן אונז האבן די זעלבע סיסטעם, איך ווייס נישט וואס צו טון מיט זיך, אונז האבן דא די נארישע אייראפעישע האלידעיס צוויי וואכן וואס מ'מוווווז ארויסגיין ערגעץ, אלעס ווערט צוגעמאכט און ווער משועבד צו די ווייב און קינדער פאר פיר און צוואנציג שעה זיבן טעג א וואך! דו מיינסט איך האב כח צו דעם? הלוואי זונטאג נאכט קען איך געבן א פיין אפ פון מיין ווייב און קינדער ביז דאנערשטאג, קיינער זאל מיך נישט צודרייט מאכן די נערוון.

איך האב נישט קיין אנונג וואס דו רעדסט, ענטפערט איינער דארט. פאר מיר איז די האלידעיס די בעסטע צייט, איך האב צוויי גאנצע וואכן וואס אלעס איז אויסגעלאשן, נישטא קיין ארבעט נישטא קיין דאגות, איך קען פלעין זיצן און פארברענגען א גאנצן טאג מיט מיין ווייב און קינדער, ביי מיר איז דאס די בעסטע וואקאציע! און איך בין זיכער אז דארט איז אויך דא אזאנע מענטשן וואס ניצן אויס די זומער טעג אויף צו פארברענגען מיט די ווייב און די קינדער אויף א ערליכע וועג, ער ניצט גוט אויס די צייט צו זיצן און לערנען אינטער די ביימער. און אפילו ער דארף אוועק פארן צוריק אין שטאט אריין צו גיין ארבעטן, קומט ער אבער ארויס צו די ווייב און קינדער איין מאל אינמיטן די וואך.



פארוואס שרייב איך אפ דא דעם גאנצן שמועס?

ווייל איך בין דארט געזעצן און נישט אויפגעהערט צו דאנקען דעם אייבערשטן פאר די גרויסער חסד אז מיר האבן דער ראש ישיבה וואס לערנט אונז א וועג צו לעבן וואס געבט אונז עצות און חיזוק ווי אזוי צו זיין א ערליכער איד!

די זומער וואכן קען זיין פאר איינעם די טויער צום שאול תחתית און פאר א צווייטן איז עס פשוט גן עדן התחתון!

איינער וואס האט גוטע לימודים, ער האט א מורה דרך אין לעבן, ער איז נישט קיין אויבער חכם, ער פאלגט בתמימות די עצות פון צדיקים, ביי אים איז די זומער וואכן א גן עדן ממש. ער פארברענגט מיט די ווייב און קינדער ערליכערהייט, און כאפט אריין צו לערנען שיעורים כסדרן אינטער די ביימער, רעדט צום אייבערשטן צווישן די גראז, א מחי' ממש. א צווייטער איז נאר ביזי קוקן ביי יענעם רחמנא לצלן, און זיך פרייען נעבעך אז ער האט א ברעיק פון די ווייב און קינדער אינמיטן די וואך.

פארגאנגענעם יום טוב שבועות האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז אין געוויסע קאנטרי'ס איז דא אן עקעלדיגע מנהג ביי צובראכענע אינגעלייט אז זיי מאכן א גריל פאר די משפחה אבער נאר ווען אנדערע זעען, פאר זיין משפחה פריוואט איז אים נישט אינטערעסאנט...

וויפיל דארפן מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן וואס האט אויף אונז רחמנות געהאט און אונז געגעבן א צדיק וואס פירט אונז אויף אזא הייליגע וועג וואס מיר קענען מיט דעם ווערן נאנט צום אייבערשטן.

מיט א צדיק איז א מתנה יעדע מינוט וואס מ'קען פארברענגען מיט די ווייב און זיין מיט די קינדער, מיט א צדיק איז קאנטרי א פלאץ וואס מ'קען ווערן נענטער צום אייבערשטן און גיין התבודדות...

שכח באשעפער פאר אונז געבן א וועג ווייזער אז מיר זאלן נישט דארפן בלאנדזשען בלינדערהייט רחמנא לצלן, און אויף יעדן פון אונז ליגט א חיוב - און זיכער יעצט אין די זומער וואכן, צו מיטטיילן אונזער זיסע לעכטיגע עצות מיט אנדערע אידן וואס דרייע זיך נאך נעבעך ארום פארלוירן און צובראכן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

ר.ש.

# ווער וועט זיך אננעמען פאר מיר?



נו, וואס איז די פראבלעם? עס זענען דא אזוי פיל גוטע לאוערס, איך בין זיכער מיט׳ן אייבערשטענ׳ס הילף אז ענק וועלן קענען אויפווייזן אז דיין מאן איז אומשולדיג

<<<





רייזי?

יא שרי

**איך קען דיר עפעס פרעגן?**

נו לאמיר הערן

**זיי מיר מוחל אז איך מיש מיך אריין אין דיינע פריוואטע זאכן, אבער איך זע אויף דיר לעצטענס עפעס אנדערש ווי געוועגליך, זעסט נישט אויס גוט, פלעגסט אלעמאל זיין אזוי פרייליך מיט א גוט ווארט פאר יעדן, אבער...**

איך האב שוין חרטה געהאט פארוואס איך האב מיר בכלל אריינגעמישט אין רייזי'ס לעבן. אז עפעס באדערט איר און זי וויל מיר דערציילן, וועט זי מיר שוין זאגן, אז נישט וואס האט עס מיט מיר?

עהה... גוט אז דו פרעגסט מיר, ווייל איך מוז שוין פאר איינעם דערציילן וואס איך גיי אדורך לעצטענס.

מיין מאן איז איין אינדערפרי געפארן צו די ארבעט אזוי ווי יעדן טאג. ער פארט זיך אזוי אויפן ראוד רואיגערהייט, ווען פלוצלינג אן קיין שום ערווארטונגען פון פאראויס קומט צו פליען פון די נישט ריכטיגע זייט א קאר מיט א שיכור'ע דרייווער אינעווייניג....



נו? וואס ה א ט דאס מיט דיין מוט? האב איך אריינגעהאקט.

ווייל עס פאסירט גאר א שרעקעדיגע זאך, דער שיכור האט ליידער אריינגעקראכט אין אסאך קארס, און אויך אין אונזער קאר.... ביז אפאר מינוט איז יענער פארשוואונדן, איבערלאזענדיג אלע קארס מיט די מענטשן אינעווייניג ווי נאך א ערד ציטערניש. פון אלע זייטן האבן מענטשן געשריגן פאר הילף מען זאל זיין קומען ארויסראטעווען, אפגערעדט פון די קארס וואס זענען צושמעטערט געווארן אויף שטיקלעך, און פון די חפצים וואס זענען געפלויגן פון אלע זייטן אויף און ארום די ראוד.

אבער דיין מאן איז ארויס לעבעדיגע פונעם עקסידענט?

יא ברוך השם, גרויסע ניסים האט פאסירט, אז מיין מאן האט געקענט ארויסגיין פונעם קאר אן קיין איין קריץ.

אה ברוך השם פאר דעם, סוי פארוואס ביסטו יעצט אזוי פאר'דאגה'ט וועגן די גאנצע מעשה?

אה איך האב דיר נישט פארציילט די צווייטע חלק פון די מעשה. ווען די פאליציי זענען אנגעקומען און געמאכט זייער אויספארשונגען ווער עס איז שולדיג אינעם עקסידענט, האבן זיי צו אלע איבערראשונגען אפגעמאכט אז "מיין מאן" איז גאר שולדיג אינעם עקסידענט, און ער וועט דארפן באצאלן פאר אלע שאדן!

אוי דער אייבערשטער זאל דיר באהיטן.

קוים מיט גרויס חסדים פונעם אייבערשטן האבן מיר פרנסה צו קענען איינקויפן די וויכטיגע זאכן און צו צאלן רענט פאר די דירה. פון וואו גייען יעצט נעמען געלט דאס צו באצאלן?

איך זע ווי עס רינט ארויס א טרער פון איר אויג, זי ווישט עס שנעל אפ, האפענטליך אז איך האב עס נישט באמערקט.

איין מינוט רייזי, מען קען נישט גיין אין קאורט פאר דעם? איך בין זיכער ס'איז דא א וועג אויפצואווייזן די גערעכטיגקייט פון דיין מאן אז ער איז בכלל נישט געווען שולדיג, נאר פארקערט, ער האט יעצט געהאט די שאדן פונעם עקסידענט.

יא יא, דאס איז יעצט די זאך שרי. אין צוויי חדשים ארום וועט זיין די קאורט קעיס, מען וועט דן זיין אויב ער איז טאקע שולדיג אדער נישט, די פראבלעם איז אבער אז ער קען דאס נישט אויפווייזן, דארט איז נישט געווען קיין שום קעמערע וואס זאל קענען ווייזן אז ער איז נישט געווען דער שולדיגער. ער מוז פארדעם האבן א גוטע לויער (עורך דין) וואס וועט אים קענען העלפן אויפווייזן פאר די קאורט זיין גערעכטיגקייט.

נו, וואס איז די פראבלעם? עס זענען דא אזוי פיל גוטע לאוערס, איך בין זיכער מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אז ענק וועלן קענען אויפווייזן זיין גערעכטיגקייט. דיין מאן איז דאך א טייערע איד, ער איז בכלל נישט שולדיג!

ביסט גערעכט שרי, אבער א לויער קאסט אסאך געלט, א גוטע לויער לאזט זיך קאסטן שווערע טויזנטער דאלערס. און די עיקר פראבלעם איז נישט די געלט, ווייל אויב מיר וועלן קענען אויפווייזן זיין גערעכטיגקייט וועט עס אויסקומען אסאך ביליגער, ווי צו דארפן צאלן פאר די גאנצע שאדן פונעם עקסידענט.

איז דאך גוט זאג איך איר מיט א שמייכל! וואס ביסטו דעמאלט אזוי צוגעלייגט? ענק האבן שוין געזוכט א גוטע לויער פאר די קעיס?

אוי שרי, דא הייבט זיך אן די עיקר פראבלעם, מיין מאן האט געהערט פון עפעס זייער א גוטע לויער, ער האט אסאך ערפארונג אין דעם פעלד, ער העלפט אלעמאל זיינע קליענטן, יעדער וואס נעמט אים גייט ארויס ריין, אן קיין אויסנאם!

שכח אייבערשטער! ביסט דאך שוין א געהאלפענער רייזי, פארוואס ביסטו אזוי באזארגט? פארוואס ביסטו נישט פריילך?

ווייל... דא האט שוין רייזי זיך מער נישט געקענט צוריקהאלטן פון וויינען.

ווען מיין מאמע האט געהערט וועלכע לויער מיר ווילן נעמען האט זיך מיר געזאגט אז ס'איז נישט גוט איך זאל אים נעמען, ווייל זי האט געהערט פון איר נאנטע בעסטע חבר'טע, אז יענער איז נישט ממש אזא גוטע לויער אזוי ווי מען שמועסט, ער איז אביסל אינטערעסאנטליך, ער גייט אנגעטון אביסל מאדנע. אויך זיין משפחה נאמען הערט זיך אביסל אינטערעסאנט, נישט די נארמאלע נאמען וואס מען הערט היינט.

און שפעטער ווען מיין שווער האט געהערט פון דעם האט ער אויך געהאט צו זאגן זאכן אויף דעם לויער ווי נישט גוט ער איז. און מיין בעסטע חבר'טע פרומי, ווען זי האט געהערט אז מיר ווילן אים נעמען, האט זי מיר געזאגט אז אויב מיין מאן גייט אים נעמען, זאל איך איר ארויסנעמען פון די קאנטעקטס - זי וויל מיר מער נישט קענען, ווייל איר מאן האט איר געזאגט אז נאר אינטערעסאנטע מענטשן ניצן אים...

פארשטייסט שרי? מיין מאמע וועט לאכן, מיין שווער וועט שרייען, און פרומי וועט מער נישט וועלן רעדן צו מיר. איך בין אינגאנצן פארלוירן!

**נו וואס זאגט עטס? איז עס שכל'דיג צו קוקן וואס דער זאגט און וואס יענער זאגט, ווען עס רעדט זיך פון גרויסע שאדן? דארף איך זיך בכלל רעכענען מיט דעם???**

□ □ □

**טייערע שוועסטער!** נאך אביסל קומט שוין ראש השנה - דער גרויסער יום הדין, ווי מען וועט משפט'ן מי יחי' ומי ימית - ווער עס וועט אדורך לעבן דעם יאר און ווער חלילה נישט. מען וועט משפט'ן וואספארא יאר איך וועל האבן, וויפיל איך וועל זיך דארפן מוטשען מיט פרנסה, געזונט, נחת פון די קינדער און אזוי ווייטער.

און דא קומט דער הייליגער ברסלב'ער רבי וואס האט געזאגט: "**מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן**".

אויך האט ער געזאגט: "**וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן**".

דער הייליגער רבי זאגט יעדער דארף קומען צו זיין ראש השנה, נישט נאר זיינע תלמידים, נאר די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין זיין ראש השנה.

אזוי ווי מיין חבר'טע רייזי וואס דארף א גרויסע ישועה - אויב איז זי קלוג וועט זיך נישט קוקן אויף קיינעם, נישט קיין חילוק וואס יעדער זאגט. זי וועט נעמען די גוטע לויער, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארויסגיין ריין ביים משפט.

די זעלבע שפילט זיך אפ מיט אונז, דער הייליגער רבי איז די גרעסטער לויער. ראש השנה ווען דער אייבערשטער משפט די גאנצע וועלט, ווילן מיר האבן די בעסטע און גרעסטע לויער וואס וועט זיך אויס'טענה'ן צום אייבערשטן פאר אונז - אז באמת ווילן מיר יא זיין וואויל, מיר ווילן זיין גוט, נאר די שלעכטע יצר הרע ווארפט אונז נאכאמאל אראפ, נאכאמאל האב איך געשריגן אינדערהיים, נאכאמאל האב איך נישט שיין גערעדט, איך האב געפאלגט די יצר הרע.

הייליגע באשעפער העלף איך זאל נישט קוקן אויף קיינעם, איך זאל נאר טון וואס איז גוט פאר מיר. העלף מיר איך זאל שיקן מיין מאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אפילו יעדער וועט לאכן, אפילו יעדער וועט זאגן ס'איז נישט נארמאל, נאר אינטערעסאנטע מענטשן גייען אהין, זאל איך נישט קוקן אויף דעם, נאר איך זאל שיקן מיין מאן מיט די גרעסטע שמחה.




איך וויל האבן א גוטע שיינע יאר, א יאר פון זיין פריילעך, פון רעדן שיין, פון פאלגן צדיקים, און נאכגיין ערליכע אידן.

עס איז טאקע נישט גרינג, ס'איז שווער צו בלייבן אליין מיט די קינדער, און מיט דעם קומט נאך צו אז די שכנים לאכן פון מיר, אבער איך טו וואס איז גוט פאר 'מיר'. דער הייליגער רבי וועט מיר געבן אזא שיינע יאר, מיר וועלן באקומען אלע ישועות און רפואות, אלעס וואס מיר דארפן.

זאג מיר נישט... דיין מאן איז געפארן צו אומאן??

יא! שכח אייבערשטער מיין מאן איז געפארן צום הייליגן רבי'ן, ער קומט שוין אהיים מיט אלע ישועות!

שכח אייבערשטער איך בין אזוי גליקליך!

**טאטע העלף מיין מאן זאל דארט זיין,**

**טאטע ברענג אים קיין אומאן,**

**טאטע געב אים א גרינגע נסיעה,**

**און קיין איין מניעה!**

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצע
ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## בשורה טובה!

א פוס דאקטאר וועט אראפקומען אין
שטעטל, מאנטאג דברים (July 17) פאר
קינדער און ערוואקסענע וואס קענען געניסן פון
ספעציעלע orthopedic wear
זיך איינצושרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00
די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע
מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן
נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.
פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!








שיינע פריוואטע 1
בעדרום דירה אויף
האשקי צו פארדינגען
פאר א שבת, אדער
פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

## השבת אבידה שטיבל

אלע חפצים פון השבת אבידה שטיבל וועלן
זיין אויסגעלייגט אין השבת אבידה שטיבל
אויף 121 טווין ברידש אין בעיסמענט ביז
פרייטאג דברים.

אפען פון זונטאג ביז דאנערשטאג פון 8
אינדערפרי ביז 11 ביינאכט.

קומענדיגן פרשת ואתחנן וועט זיין א גרויסע
אויספארקויף. פרטים יבואו אי"ה

## דירה אין שטעטל פאר זומער

הערליכע פיר בעדרום דירה שטייט
גרייט צו פארדינגען פאר ביז סוף זומער

פאראינטערעסירטע ביטע רופן
917-501-5100

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

**Linen Boutique**
Linen • Towels • Tablecloths

**Full line of fine quality Linen, Towels and Tablecloths**

**Our satisfied customers**
is our brand

Please contact **Breindy Tyrnauer**
347-228-2931
75 Twin Bridge Rd. • Liberty NY 12754




בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES
Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**
**Is your business not running properly?**
**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

Electrolysis, Tinting, Waxing

For appointment call
N. A. Appeldorfer
845-537-9681

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

מטות מסעי

## חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: וואס האט א איד זיך צו זארגן אז ער גייט אוועק פון דער וועלט מיט**

א. ששה סדרי משנה
ב. וידוי דברים
ג. בארד און פיאות
ד. ערליכע אידישע דורות

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער ראש ישיבה זאגט, אויב איינער דארף דיך נישט,
טראכט צו זיך: נישט איינמאל דארף איך דיך נישט,
**טויזענט מאל דארף איך דיך נישט!**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**פייגי בוים תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

איך האב נישט קיין כח צו הערן אז עס איז דא חשבונות, פאליטיק - צווישן די מיידלעך; די גרויסט זיך אויף דעם און די מאכט אוועק דעם, איך קען נישטליידן די זאכן. **ביי מיר איז חשוב נאר די תלמידות וואס גרויסן זיך נישט און מאכן נישט אוועק אנדערע.**

ווייזט דעם בריוו פאר די מנהלת און פאר אייערע לערערינס, און אויך פאר די חבר'טעס; **זאלן זיי זען וואס איז חשוב אין היכל הקודש.**

(עצת אמונה פרשת תשפ"ג)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ז | ח | ש | ו | ב | ד | ע | נ | ש | י | ו | ו | צ | ל | י |
| א | ש | ה | ק | א | ו | י | כ | ת | ו | ו | י | י | ז | ט |
| ל | ב | ס | ס | י | ש | א | כ | ע | ל | ד | י | י | מ | מ |
| נ | ו | ע | ר | ט | ד | ו | י | ל | ד | י | ר | ד | ט | א |
| צ | נ | י | ש | ט | ז | נ | ו | כ | כ | י | ת | ש | כ | כ |
| ס | ו | ד | י | ז | ס | י | ל | ה | מ | ד | י | ח | ק | נ |
| נ | ת | ת | א | י | ד | ו | כ | י | ע | נ | ב | כ | ה | מ |
| י | ח | ש | ו | ב | ו | ע | ח | ד | י | ר | צ | ו | י | נ |
| ר | ת | ר | נ | ד | א | פ | ר | ז | ט | ד | נ | ה | כ | ה |
| ע | ג | ש | א | ז | י | י | ק | ע | נ | ז | נ | ו | ל | ל |
| ר | ב | נ | ר | ב | נ | י | ס | פ | י | ס | י | ז | פ | ת |
| ע | ר | ת | ל | מ | י | ד | ו | ת | א | י | ז | כ | א | ג |
| ל | י | נ | ק | מ | ש | נ | ז | ו | ד | ש | א | ח | ל | ת |
| ר | ו | ס | ר | א | ט | י | ו | ק | י | י | נ | ע | י | ג |
| א | ו | א | ע | כ | א | י | ד | מ | ה | א | ב | פ | ט | ה |
| פ | פ | ו | י | ט | ז | ז | ע | א | ר | א | י | ס | י | ג |
| מ | י | ו | ע | כ | ר | ד | ע | ת | פ | ו | י | מ | ק | ת |
| ט | י | ב | י | י | ז | א | כ | נ | א | ו | נ | ע | ה | ז |
| ד | ע | מ | ש | ד | ו | ק | ה | ל | ר | ע | ב | ד | י | ל |
| ה | א | נ | ד | ע | ר | ע | נ | ג | ש | ק | ש | א | ט | ת |

## טרעף די וועג

*כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן*



## שטיקעלע ספר המדות

# הַכְנָסַת אוֹרְחִים

**ה. הַמְאָרֵחַ תַּלְמִיד חָכָם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ הִקְרִיב תְּמִידִין.**

וָוער עֶס נֶעמְט אַרַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין שְׁטוּב, רֶעכְנְט אִים דִי תּוֹרָה אַזוֹי וִוי עֶר אִיז מַקְרִיב דֶעם קָרְבַּן תָּמִיד.

*דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"*

## שיחות פון רבי'ן פארהער

*וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?*



*ענטפער פון פאריגע וואך*

דער רבי האט געזאגט: "ווען מען זינקט אין א געדעכטע בלאטע בלייבט מען נישט שטיין וואו מען איז, מען גייט א פיס אריין, א פיס ארויס!"

## טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער







אויפן בילד: דער ראש ישיבה שליט"א ביים זינגען ניגונים לקראת דעם יום הדין אין מחנה היכל הקודש ברסלב - צומער תשע"ח

# מעשה פון תפילה
# פאר קינדער

רבקה אפפעלדארפער תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:




רבקה לעווינזון תחי׳ - בית פיגא ירושלים פארציילט:



# קליין און שיינך



נחמן נתן, אליעזר שלמה, הילל מרדכי אינדיג - קרית ברסלב
איפגעבויעט א ברסלב'ע שטעטל



נפתלי און מרדכי העסקעל נרם
יאיר - לאנדאן
געמאלן א ברסלב'ע קרוין



נחמן נתן פעקעטע - מאנסי
געמאלן ווי דער הייליגער רבי
רעדט צום איבערשטן אלס קליין
קינד



משפחת מזרחי - קרית ברסלב
געבויעט די פאלאץ ווי די בת מלך
פון סיפורי מעשיות איז געווען
פארלוירן



## שיקט אריין א בילד
## פון אייער קינד

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




מוהרא"ש זי"ע ביים געבן א שיעור פאר די בחורים די ערשטע יאר זומער אין קאנטרי - תשס"ט

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

# בילדער
## אפטיילונג





**סיום 101 משניות פון האברך נחמן נתן בוים הי״ו - מיטוואך חקת בלק**







**ברית פון הילד מאיר נ״י בן מו״ה נפתלי אפעלדארפער הי״ו - זונטאג פנחס**







**דער ראש ישיבה מיט די בחורים ביים לערנען אין גן עדן התחתון - מאנטאג פנחס**


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא

ברית פון הילד אשר נ״י בן מו״ה יוסף מערמעלשטיין הי״ו
דינסטאג פנחס


קרעדיט: אייזיק אפפעל


קרעדיט: אייזיק אפפעל

מסיבת נשי חיל אין שטוב פון מו״ה אייזיק אפפעל הי״ו
דינסטאג פנחס


קרעדיט: יעקב פיש

טעגליכע דף גמרא שיעור אין היכל הקודש טברי׳
דינסטאג פנחס


קרעדיט: אייזיק ראטה

טעגליכע דף גמרא שיעור פאר די קינדער אין שטעטל
מיטוואך פנחס



בית הדפוס היכל הקודש צפת דרוקט וועכנטליך אלע
גליונות היכל הקודש


קרעדיט: יעקב פיש

א בליק אריין אין כולל היכל הקודש ירושלים



קרעדיט: יואל ראזענבערג



בים גיסן די בורות ביים מקוה אשר בנחל - דאנערשטאג
פנחס שבעה עשר בתמוז



קרעדיט: יוסי פרערויא

מלוה מלכה מוצאי שבת פנחס



קרעדיט: יוסי פרערויא

ווערט געזען בר מצוה בחור ישראל פרידריך נ״י




קרעדיט: אלי ציג

גרויסער ציבור משתתפים ווערט געזען ביים מלוה מלכה





נייע הערליכע שול היכל הקודש אין לעיקוואוד







**שיינע גרויסע טאוול ווערט ארויפגעלייגט ביים אפיס פון אנשי חיל נעבן בית המדרש אין שטעטל**




**היכל הקודש צפת מוצאי שבת פנחס**




**דער ראש ישיבה ביים איבערקקוקן עצתו אמונה חלק ט׳**



**תפילין לייגן פון הבחור ישראל נ״י בן מו״ה אברהם פרידריך הי״ו - זונטאג מטו״מ**




**דער ראש ישיבה ביים געבן א שולחן ערוך מחבר רמ״א פארן בר מצוה בחור**







**מיטינג ביים ראש ישיבה אין שטוב פון אלע פאנדרעיזערס אין די קהילה - ד׳ חק בלק**

# כולל "היכל הקודש" ברסלב

**בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

**27 Skillman St. Brooklyn NY 11205**

בס"ד

אין נאמען פון די הנהלת הכולל טוען מיר וואונטשן א הארציגן

# מזל טוב

פאר ידידינו היקר

## מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו

מגדולי תומכי כוללינו ביד רחבה וברוח נדיבה

צו די בר מצוה פון בנו היקר יניק וחכם

## ישראל פרידריך הי"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זיין אסאך נחת און ישראלי הי"ו זאל וואקסן א גרויסער צדיק

ובכל אשר תפנה תשכיל ותצליח

און צו דער זעלבער צייט וואונטשן מיר פאר'ן חשוב'ען זיידן

## הרה"ח מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו

מותיקי אנשי שלומינו מאז ומקדם

און דער עלטער זיידע

## הרה"ח מו"ה אברהם חיים פארקאש הי"ו

פטרון בית המדרש היכל הקודש ברסלב בקרית יואל

ימלא ה' כל משאלות לבבכם לטובה

## משה ארי' שניטצלער

## מנהל הכולל



בס"ד
דגים בכל מטעמים
א פולע ליין פון
פרישע פיש
לכבוד שבת
דעליווערט אין די קעטסקילס
פון טייך צום טיר
געפילטע פיש | געבאקען | געקאכט | רויע פיש
YEAR-ROUND DELIVERY
Coming to the mountains for Shabbos? Make your stay even better, with just one phone call get your fish delivered straight to your doorstep. Place your order till Friday morning and enjoy the convenience of having your fish delivered anywhere in Sullivan County.
ועד הכשרות
קרית ברסלב
DELICIOUS FISH
Liberty NY
Call 845.747.0093

שאפט

$1,500

און באקומט

# א וואכנאכט

# בחנם!

ענדליך



י״ד - ט״ז מנחם אב

$1,000,000

אנשי חיל

האט איר שוין
גענומען א פעידזש?

שאפט

$5,000

און באקומט

# א חתונה בחנם!

גאנץ



י"ד - ט"ז מנחם אב

$1,000,000

אנשי חיל

האט איר שוין
גענומען א בעידוש?

שאפט

# $3,600

און באקומט

# א בר מצוה בחנם!

אענדליך



האט איר שוין
גענומען א בעידוש?

י"ד - ט"ז מנחם אב

$1,000,000

אנשי חיל

# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT



mint
COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי׳ לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

פרייז 1

# $7000

ארץ ישראל




# א נסיעה מיט דער ראש ישיבה

+



די
שבת
התוועדות

אנשי חיל

י"ד - ט"ו מנחם אב
$1,000,000

האט איר שוין
גענומען א בעידזש?

פרייז 2

# $2600



# שבת התוועדות

פרטים יבואו

**אנשי חיל**

י"ד - ט"ז מנחם אב

**$1,000,000**

האט איר שוין גענומען א בעידזש?



ראש השנה
אומאן
תשפ"ד
באקוועם | איסגערוהט | עלעגאנט
פלען איט רייט
טשארטער 1:
ארויס: מאנטאג, כ"ה אלול
LEAVES: SEP 11, 10:30 PM | ARRIVES: 1:30 PM
צוריק: מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 5:45 PM | ARRIVES: 9:45 PM
טשארטער 2:
ארויס: דינסטאג כ"ו אלול
LEAVES: SEP 12, 10:55 PM | ARRIVES: 1:45 PM
צוריק: מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 1:45 PM | ARRIVES: 5:45 PM
באקוועמע פליגער עטה"ק
היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג
פרייז רעכנט אריין אלע אינערליכע רייזעס ביז עיה"ק אומאן, מיט די פריוואטע פלען איט רייט באנען
כדי זיך צו פארזיכערן מיט די early bird דארף מען זיין אפגעצאלט ביז ר"ח אב
טשארטערס
קיין ריישא פוילין
ECONOMY: CHARTER 1: WAITING LIST ONLY $2800 | CHARTER 2: $2500
$4500 PREMIUM ECONOMY | $7550 BUSINESS
אפציע 3:
כאפט אייך מיט אויף איינע פון אונזערע 22 גרופ-טיקעטס
צו פילע דעסטענאציעס ארום אוקריינא,
לויט אייער באקוועמליכקייט (רומעניא - קישענוב - פוילין)
פרייזן אנגעהויבן פון $899
היות מיר וועלן הערשט באשטעטיגן חודש אלול די גענויע באנען צייטן
דעריבער וועלן מיר נאר פארקויפן פריוואטע באנען-טיקעטס פון ר"ח אלול
פלען איט רייט טשארטער באן
פשעמישל-פוילין קיין אוקראיינע
טשארטער באַן 1:
ארויס: דינסטאג
צוריק: מוצאי יו"ט
טשארטער באַן 2:
ארויס: מיטוואך
צוריק: מוצאי יו"ט
באקוועמע באנען עטה"ק
היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג
אריינגערעכנט די רייזעס פונעם באן ביז אומאן
די שנעלסטע און גרינגסטע וועג אריבער צו גיין די גרעניץ
פרייז: $595
Plan it Rite
845.678.3555
www.planitrite.com
קיין אומאן פארט מען מיט פלען איט רייט
ראש השנה שלי עולה על הכל - קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פאראהאנדין